# לעבן שטאלצערהייט:
# פארשטיין LGBTQIA+ רעכטן

Commission On
Human Rights






אין ניו יארק סיטי איז דיסקרימינאציע באזירט אויף א מענטשן'ס סעקסועלע אריענטאציע אדער דזשענדער אידענטיטעט – סיי צי עס איז עכט אזוי און סיי צי זיי ווערן בטעות געגלויבט צו האבן די אריענטאציע אדער אידענטיטעט – **אומלעגאל**. דאס רעכנט אריין דיסקרימינאציע קעגן דזשענדער אויסדרוק, אינטערסעקס מענטשן און די דזשענדער לויט וועלכע א מענטש ווערט אנגעקוקט. די שוץ מאסנאמען גייען ארויף אויף פילע פלעצער, אריינרעכנענדיג ארבעט, סקול, האוזינג און עפנטליכע ערטער. דער ניו יארק סיטי מענטשן רעכטן געזעץ (Human Rights Law) באשיצט אויך LGBTQIA+ קאמיוניטיס פון נקמה, דיסקרימינירנדע רדיפות און פון געציהלט ווערן דורך געזעץ אינפארסירונג צוליב נגיעות'דיגע מיינונגען.

## 5 זאכן וואס יעדער דארף וויסן איבער LGBTQIA+ שוץ מאסנאמען אין ניו יארק סיטי

1. LGBTQIA+ מענטשן האבן די רעכט צו גלייכע באהאנדלונג אין באשעפטיגונג, האוזינג און עפנטליכע ערטער. עס איז אומלעגאל צו רודפ'ן, צוריקוויייזן סערוויס אדער באהאנדלען איינעם נישט יושר'דיג צוליב זייער סעקסועלע אריענטאציע אדער דזשענדער אידענטיטעט.
2. ארבעטסגעבער קענען נישט אינפארסירן קליידונג סטאנדארטן אדער כללים וואס זענען באזירט אויף טראדיציאנאלע בליקן איבער וויאזוי יעדע דזשענדער דארף צו אויסקוקן.
3. איר דארפט נישט פארשטעלן א "באוייז" פון אייער דזשענדער אידענטיטעט כדי צו אדרעסירט ווערן מיט די נאמען און פראנאמען וואס איר ווילט אדער צו נוצן די פאסיגע בית הכסא לויט אייער דזשענדער אידענטיטעט.
4. א לענדלארד טאר אייך נישט באהאנדלען אנדערש צוליב אייער סעקסועלע אריענטאציע אדער דזשענדער אידענטיטעט — מיינענדיג אז זיי טארן אייך נישט צוריקוויייזן א ליעס, נעמען מער געלט, באגרעניצן סערוויסעס אדער צוריקוויייזן פארריכטונגען באזירט אויף אייער סעקסועלע אריענטאציע אדער דזשענדער אידענטיטעט. איר האט אויך די רעכט צו זיין פריי פון רדיפות דורך אייער לענדלארד, זייערע איינגעשטעלטע אדער אנדערע טענאנטס.
5. אייער ארבעטסגעבער מוז אייך גיבן גלייכע בענעפיטן, אפגעזעהן פון אייער סעקסועלע אריענטאציע אדער דזשענדער אידענטיטעט.

**באריכט דיסקרימינאציע**


22 Reade Street
New York, NY 10007

212-416-0197

www.NYC.gov/CCHR
@NYCCHR